# היינטיגע יונגע לייט.

איך זאג אייך, וואס אייערע היינטיגע יונגע לייט זיינען... א גרויל! שקצים, סנעקעס, און שמועסען זיך איין, אז זיי וועלען ראַטעווען די וועלט. ז י י וועלען ראטעווען די וועלט! העהעהע.... מען איז מעהר נישט זעהר אויסגעלאסען געווארען, אראבגעווארפען פון זיך דאס יאך, אין גאנצען אויסגעטאן זיך, נישט דא אויף זיי קיין מורא נישט פאר גאט און נישט פאר לייטען, איז גלאט — הפקר א וועלט!...

אט איך בין דאך סך הכל א דרדקי מלמד און זיי זיינען דאך די געשטודירטע, די אויפגעשפיצטע, דאך פערשטעה איך א זאך אין תיכן אריין טויזענד מאל בעסער פאר זיי. אדרבה, לאָ'מיר בעקלערען: וואס? וואס? וואס ווילען זיי? ד'מע!...

זיי ווילען ראטעווען די וועלט, קיין ארמע לייט זאלען נישט זיין. איז וואס האבען זיי אויסגעקלערט — „כ י ס א ח ד י ה י ה ל כ ל נ ו"! מען זאל אבנעמען ביי אלע גבירים דאס געלד און צוטיילען איבער דער גאנצער וועלט... פ א ר א ג א ו נ י ם דאס זיינען! איהר הערט נור דעם איינפאל. איך וועל קומען — איך כאפ אייך אן, למשל, צו ראטשילד'ען און זאגען: „אדוני, רב ראטשילד, מיין האר, רב ראטשילד, איך וויל איהר זאלט אונז אוועקגעבען אייער געלד." איז וואס, דהיינו, וועט ער מיר דערויף זאגען? אז ער זאל אפילו וועלען מיט מיר רעדען, וועט ער דאך די ערשטע קשיה פרעגען: „סטייטש, וואס פאר א מחותן ביזט דו דאס מיט מיין געלד? דו האסט עפיס ביי מיר א סך איינגעלעגט? האסט מיר עפעס א סך געהאלפען צונויפצוקלייבען מיין עשירות?" איז וואס, איין ערך, קאן איך איהם דערויף ענטפערן? גאר נישט מיט

גאר נישט. גאט האט אזוי געוואלט, ער זאל זיין ראטשילד און איך זאל זיין גרונם מענדעל דער מלמד און פערשווארצט ווערען נאך מיינע יאהרען און טעג. גנעה פרעג ביי גאט קשיות, פאר וואס האט ער אזוי געוואלט! נור דאס איז דאך די מעשה, אז די חברה גלויבט גאר נישט אין גאט, ביי זיי טוט זיך דאך אלץ אזוי, אהן גאט, טבע־סמעבע, און איך וויים וואס — יסכר פי רשעים — פערשטאפט זאל זיי ווערען זייערע מיילער! — וואס זיי קלערען דארטען אוים. און אז עס איז נישט דא קיין גאט, איז נישט דא קיין „אימתא דמלכותא", האט מען פאר דעם קייזער אויך קיין מורא נישט, איז יענמאלט מאג דאך טון יעדער, וואס ער וויל, איז יענמאלט „ושיה, פאראוואי גראשי!" כים אחד לכלנו, א טיילענים אויף זיי! טפו!...

נור איך טענ'ע דאך שטענדיג מיין טענה: דער מענש, וואס שטעהט צו צו ד ע ר חברה, איז נישט ווערט מעהר, וואס די ערד טראגט איהם. ער געהט גאר גלייך ארוים מכלל מענש. פערליערט אלע זיינע הושים, בעקומט א שטיינערן הארץ, ווערט אז די מדה פון רחמנות — און אוים!

אט נעמט כאטש חיים אנצעל'ס בן יחיד, משה'לען. וואס ווייסט איהר פון דעם בחור'ל? ער איז דאך געוועזען מיינער א תלמיד. אזא זיידען קינד, אזא „אבן טוב" האב איך גאר אויף מיין לעבען נישט געזעהן. און וואס? זיצט ער יעטצט בחדרי חדרים און א סברא, אז ער וועט אוועק אין דעם ווייטען וועג, איז כף הקל', אין סינביר, אויב מען וועט איהם נור א פריער נישט אראבדרעהען דעם קאפף, אז א האן וועט אפילו נישט קרעהען. האט זיך אומגליקליך געמאכט, האט אומגליקליך געמאכט זיינע עלטערן, פערביטערט און פערקירצט זיי די יאהרען און פרעג ווער? וואס? ווען? גאר נישט! און ער האט דאך א פריער געוואוסט, אז ער וועט האבען א מיאוס'ען אבשניט און וועט מקצר זיין די עלטערן די יאהרען. נור ווי מען שטעהט צו צו דער חברה, איז אוים טאטע־מאמע, איז אוים רחמנות, איז אלץ אוים, אוים, אוים!...

נור קיינער, זאג איך אייך, פערדריעסט מיך נישט אזוי, ווי דער משה'ל. איך זאג אייך, עס רייסט מיר אויף איהם אוים א שטיק



הארץ. נאך א צייט פאר זיין תפיסה, האב איך איהם געשריען: „משה'ל, משה'ל, ביזט עפים, זעה!" ער האט געלאכט. — „לאכסט, לאכסט," זאג איך איהם, „וועסט אבער דערמאנען מיינע ווערטער, הלואי זאל איך ליגען זאגען." ער האט מיך ארומגענומען ארום רוקען... א שייגאץ, זאג איך אייך, א גאלדען קינד. עס קלאגט אין מיר מיין הארץ אויף איהם, בנאמנות. אט אזוי האט ער מיך ארומגענומען און פרעגט: „וואס פאר א ביין זעהט איהר אין מיר, רבינקע?" פערשטעהט איהר, ער פרעגט נאך, וואס פאר א ביין זעה איך אין איהם. — „וואס פאר א ביין זאל איך אין דיר זעהן?" פרעג איך. „דארפסט דען גנב'נען ביינגעל פון מארק? דארפסט עפים וואס? נור גלאט נעהסט נישט בדרך הישר, נעהסט נישט אין א גלייכען וועג. טוסט נישט דאס... טוסט נישט דאס, משה'ל! מילא, זאג איך איהם, ביזט נישט פרום, גאלסט דיך, דאווענסט נישט, ווייסט נישט פון שבת, ביזט דו טאקי דערפאר א גרויסער שייגאץ, דאס איז א בעזונדער זאך, זאג איך איהם. נור ביזט דאך דער געשטודירטער און זאגסט, אז דו ביזט קליגער פאר דער גאנצער וועלט און פאר אלע אונזערע חכמים, זכרונם לברכה. אי, נאך דיין פנירה אפילו וועסט דו דאס אויך נישט זיין! נור גאר נישט... אבער פרעג איך דיך, וואס דארפסט דו די אנדערע קאליע מאכען? נעמסט ארום זיך ארום שקצים, פאסקודניקעס, אבגעריסענע הינד, איך וויים, שטיקלעך ארבייטערלעך און לערנסט זיי ווי עובר זיין אויף א דין, ווי „פוריץ גדר" זיין!... גלאט, וואס איז עס פאר א שטאט, פיהרען זיך מיט אזעלכע איך וויים נישט וואס. פאסט עס דען פאר דיר? פע חלשות!"

דאכט זיך, האב איך גערעדט קלארע ווערטער, איז פאראן דא צו לאכען? און ער האט געלאכט! איך האב שוין אנגעהויבען ווערען אין כעס. „וואס? וואס לאכסט דו?"

„איהר זייט א וואויל אידעל, רבי!" זאגט ער מיר.

איך דארף דא האבען זיין הסכמה, צו בין איך א וואויל אידעל אדער נישט א וואויל אידעל. „דו פערשלאג מיר נישט האקעס־באקעס," זאג איך איהם. „רעד דברים כהויתם, ריינע, קלארע

דבורים. וואס? וואס לאכסט דו, וואס?"

„רבי," זאגט ער, „איך ווילט זיך טאקי וויסען מיין תורה?" זאגט ער.

„אדרבה, זאג איך איהם, איך וויל טאקי הערען. נור שרעק דיך נישט, זאג איך איהם, מיך וועסט דו נישט קאליע מאכען, פון וועג נישט אראבפיהרען. אזוי לאנג וואס, ווי לאנג דיינע תורות וועלען צו מיר נישט צושטעהן."

„מיין תורה איז," לאכט ער, „האב ליעב דעם אנדערן ווי זיך אליין."

איהר פערשטעהט עפּיס? זיין תורה איז עס! „שיינאיז!" זאג איך מיט חוק. „ואהבת לרעך כמוך — דאך א בפירושער פסוק! דיין תורה איז דאס?"

„זי איז יענמ'ס," ענטפערט ער מיר, „ווער עס האלט פון איהר און לערנט זי דעם אנדערן."

ענטפערן, נישט־קשה, האט ער געקאנט, דער קאפ האט איהם נישט אבגעדארט. נור פערשטעהט איהר א דרך? זיטצט מען דאס מיט א חברה ליידאקעס און מען לערנט מיט זיי „ואהבת לרעך כמוך"! קיין בעסערע תלמידים האט ער שוין נישט געפונען.

„ביזט דאך גלאט א נאר, זאג איך איהם, אויף דיר וואלט איך עס ניט נעגלויבט."

נור מילא, וואס זאל איך דא א סך מאריך זיין — ער איז דאך דער קלוגער און איך בין דער נאר, האט ער מיך ווידער אויסגעלאכט. איך רעד דאך קרום!

און ער האט געמיינט, אז איך בין דאס דער „פתי יאמין לכל דבר" און גלויב איהם שוין, אז ער לערנט מיט זיינע ווייסע חברה־ניקעס „ואהבת לרעך כמוך." ווי מיינט איהר, ער וועט מיך טאקי באלד איינשמועסען, אז פאר „ואהבת לרעך כמוך" וועט מען עמי־צען ארייניזעטצען און אין סיבּיר אוועקשיקען! נור איך וועל מיך שטעלען מיט איהם קריגען? ער זאגט מיר „ואהבת לרעך כמוך", זאל זיין „ואהבת לרעך כמוך." און אין ד'ר'אמת'ן האט זיך ארויסגעוויזען, אז ער האט אונטערגערעדט די ארבייטער פון סימקינ'ס



פאבריק, זיי זאלען אויפהערען צו ארבייטען און בעטען מעהר געלד און ווער ווייס, צו וואס ער האט זיי דארטען צוגערעדט. און דערפאר פוילט ער יעטצט אין אסטראג!...

איין אנדערס מאל האט ער אויסגעטראכט גאר א נייע מאדנע תורה: „ארבייט, וועסט דו עסען!" איך האב איהם פשוט אנגעקוקט, ווי א משגענעם. איך רעד שוין נישט פון דעם, אז גאט האט בעשאפען דעם מענשען נישט צוליעב דעם, ער זאל ארבייטען און עסען נור צוליעב דער תורה — ווענען גאט איז דאך נישט דא מיט איהם וואס צו רעדען, גאט איז דאך גאר אויף דער וועלט נישט דא! — נור ווי שטעלט ער זיך עס פאר, אז ר' וועלוועל שמעלקעס און אפילו איך גרונם מענדעל דער מלמד וועל מיך שטעלען ארבייטען צוזאמען מיט בינם דעם שוסטער און דאניע דעם שניידער. מען דארף דאך זיין משגע כאחד המשגעים, אז מען זאל גאר אויסטראכטען אזא מין פלאן. איך וועל אייך זאגען דעם אמת, איך האב אפילו נישט געוואלט מיט איהם רעדען און קריגען ווענען דעם.

און נישט נור אין דעם אליין איז משה'ל קאליע געווארען, וואס ער האט אנגעהויבען צו רעדען „על השם ועל משיחו", פלוידערן וואס נישט געשטויגען און נישט געפלויגען און אויפרייצען ארבייטער געגען זייערע ברויטגעבער, נור אין אלע פרטים איז ער שוין נישט געוועזען קיין מהות מענש. למשל, דער יונג איז שוין געשטאנען אין שדוכים. איך אליין האב איהם געוואלט רעדען א שדוך. נישט חס ושלום „להנאתי," פון מיין פרנסה ווענען. באמונתי, אז איך בין ווייט געוועזען פון דעם געדאנק. נור עס האט זיך מיר געדאכט, אז איך האב געפונען דעם אמת'ן זווג זיינען. איהר קענט דאך מסתמא רב אברהם עלקין דעם סרסור'ס טאכטער? איז דאס עפּיס א קרומער שדוך? לדידי, נאך מיר נאך, וואלט עס געוועזען דער גליקליכסטער זווג אין דער וועלט. איז וואס לאזט זיך אויס? לאזט זיך אויס, אז ער האט זיך שוין „איזניובעט" מיט — „שמע ישראל" צו שרייען! מיט סענדער דעם רופא'ס טאכטער, מיט דער לעהרערקע! חיים אנצעל'ס זוהן מיט סענדער דעם רופא'ס טאכטער — „שומו שמים"!... פערשטעהט איהר, ווי דער יונג איז טיעף

נעפאלען? „מרחי אל רחי“! אוי, אז אך און וועה, וואס פאר איין אהבה, וואס פאר א ליובקע צווישען זיי איז געוועזען! ווען די חצופה האט דערוואוסט, אז מען האט איהם צוגענומען, איז זי נור א ביסעל בלייך געווארען און כלומר'סט געכאפט זיך פאר'ן הארצען — און ווייטער גאר נישט, ווי נישט איהר זאך גאר...

נור דאס איז דאך, וואס איך טענ'ע: דער מענש, וואס שטעהט צו צו ד ע ר חברה, נעהט ארויס מכלל מענש. זיי פערליערען די מדה פון רחמנות, טוען זיך אויס פון אלץ און... און... און גאר נישט! און זיי ווילען דאס ראטעווען די וועלט! אך, א רוח אין זייערע טאטענס אריין!... עס איז גאר איין עברה, אז מען רעדט וועגען זיי, טפו!....

1897